פרײַז 25 גראָשען XV·ער יאָהרגאַנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" „Radomer-Kielcer Leben" (712) 14 הײַנט (

8-go Kwietnia 1938 r.

ראַדאָם, פרײַטאָג ז׳ ניסן תרצ״ח

טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15


# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


פאַראַווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע

A.

HEMPEL

פאַבריק און צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7

פיליעס: זשעראָמסקי 1

זשעראָמסקי 21

זשעראָמסקי 59

טראַוגוטטאַ 11

קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.



## מודעה

אַזוי ווי שטענדיג ווערט אויך דאָס יאָהר פּערקויפט דאָס **חמץ** (מכירת חמץ)

אין דער וואוינונג פון אדמו״ר הר״הצ שליט״א מזחאלין

זשעראָמסקי 29 ביי זיין זוהן הרה״ג שליט״א



*Wytw. Wyrobów Cukierniczych*

*p. f.* **„Americanka"**

*L. Wajsbrodt — Rynek* 16.

מאַכט בעקאַנט דאָס ג. פּובליקום, אַז אין די פון ניי-יאָהר געעפענטע

**צוקערניע** און **היגיענישע בעקעריי**

רינעק 16 אין געהעלב רינעק 14

און אין דער יוד. צוקערניע „אַמעריקאַנקאַ" טראַאוגוטאַ 62

קען מען שוין בעקומען אויף יום-טוב:

לעקעך, מאַקעראָנען, אייער-מצה׳לעך, הערבאַטניקעס,

בישקאָפטען, טאָרטען - מאַרצעפּאַנאָווע.

מאַקעראָנען פון 2.50 זל. אַ קילאָ; טאָרטען פון 3 זל. אַן אַ קילאָ

אַלץ פון דער בעסטער קוואַליטעט און מיט אַ הכשר פון ראַבינאַט.

פרוכטעז און פסח׳דיקע שאָקאָלאַד צו ביליגע פרייזען.



## פאָדערט דיזם נייעסטען סאָרט
## אַראָמאַטישע טיי




אַראָמאַטיש

געשמאַק

שפּאָרזאַם

כשר לפסח


Cela Bankier — Jakób Bursztyn

## ZAŚLUBIENI

w kwietniu 1938 r.

א הארציגען מזל-טוב אונזער שוועסטער און שוואגער

הערשעל באַנקער און פרוי

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער

**צעלא** מיט ה׳ **יאַקאָב בורשטין**

דעם יונגען פּאָר אַ גליקליכע

צוקונפט און די עלטערן פיעל נחת.

משה גוטמאַן מיט פרוי און קינדער.

אסתר פישער — משה בעסערמאַן

שידלאָווצעץ — ראַדאָם

## פערהייראַט

דעם 3-טען קויעטשען 1938

צו דער חתונה פון אונזער ליבען חבר

**נחמיה קורץ** מיט פר״ל **רוזשע קירשענבוים**

ווינשען אַ גליקליכע צוקונפט און צופרידענהייט

די פערוואַלטונג

פון אַרבייטער-פלייששער-פעראיין

אין ראַדאָם.


Kto gilzy „WAWEL" chociaż raz spróbuje
Innych nie kupi, w innych już nie pali
A kiedy swoich znajomych częstuje
Każdy wyborne papierosy chwali.



כשר לפסח

בעקאַנטמאַכונג.

## ירמיה ראָזענבערג

וואָלאָווע 21

די לאַנג עגזיסטירענדע פירמע

איז פעריזענהן אויפ׳ן קומענדיגען פסח מיט אַ גרויסען

אויסוואַל פון פערשידענע אויסלענדישע און אינלענדישע

ווײַנען, י״ש, שליוואָוויץ, כרמל-ווייַן.

די רעיעלקייט און כשרות פון די פירמע איז אַלעמען גוט בעקאַנט.

קומט און איבערצייגט אײַך!

מאַנקורענץ



ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שנײַ-ווייסע פאָרהאַנגען,

גייט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער

כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

## A. HEMPEL

Centrala — Stare Miasto 7 — telefon 19 - 70

Filje — Zeromskiego 1

Zeromskiego 21

Zeromskiego 59

Traugutta 11

ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער אַרבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אײַך

צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אַפיצ. טעל 70 - 19

פיליעס: זשעראָמסקי, טראַוגוטטאַ 11

זשעראָמסקי 21 זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאַפּעלושען

Z intencji zaręczyn
p. Heni Kapaport
z p. Dr.
Rubinem Czapnikiem
dużo szczęścia życzą
Mendelsonowie

אונזער חבר
משה בעקערמאַן
צו זיין חתונה מיט פרײל
אסתר פישער (שירלאַחיעץ)
אונזערע בעסטע װאונשען
קאָמיטעט און אָרגאַניזאַציע
פּועלי ציון. צ. ס. אין ראַדאָם.

KRAWIEC MĘSKI
T. GUTMAN
Radom ul M. Focha 1 (d. Zgodna)
Wykonuje wszelkie roboty w zakres krawiectwa wchodzące
Robota solidna i punktualna! — Ceny przystępne!
Najnowsze towary na sezon letni.

# מען גרייט זיך צו די וואַהלען.

דער עולם גרייט זיך צו די קהלה-וואַהלען.

אויס'ן סאַמע פראָנט געהען די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האַלטען שוין אַן בעראַכונגען פערלויפיג אין ענגע קרייזען און דערנאָך וועט מ'וועלען שוין זיין פאָרמיג די וואַהל-פלאַטפאָרמען, וועלען קומען די גרויסע פערזאַמלונגען און די עפענטליכע טכניש בלאָקען.

אַזוי לפנים איז שפיל. מען ווייסט אָבער, אַז הינטער די קוליסען טהוט זיך שוין עפּעס און די וואַהל-טעמפעראַטור הויבט שוין אָן שטייגען.

די שמועה, אַז די ציוניסטען געהען נישט צו די וואַהלען, בעשטעטיגט זיך נישט. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די ציוניסטען האָבען דורכאויס פערלאַנגט פון ה' משה ראָזענבערג אַנצונעמען דעם אַמט פון וויצע-פאָרזיצענדער אין דער וואַהל-קאָמיסיע, בעווייזט, אַז זיי וועלען זיך אין די וואַהלען יאָ בעטייליגען.

דער מוּ‧חי, דער חלוץ בעל מלאכה און די האַנדווערקער פון רווינסקאַ 1, געהען יעדער מיט אַ בעזונדערע ליסטע אַזוי ווי פריהער. ס'איז נאָך נישט בעקאַנט, צי די האַנדווערקער פון וויטאַלדאַ 10 וועלען געהן מיט אַ בעזונדערע וואַהל-ליסטע.

דער בונד און די פּועלי ציון וועלען מסתמא נישט בלייבען הינטערשטעליג און אויך ארויסגעהען אין וואַהל קאַמף. מען הערט, אַז דאָס מאָהל וועלען אין די וואַהלען נעמען אַנ'אָנטייל די רעכטע פּועלי ציון, געהענדיג מיט אַנ'אייגענע ליסטע. חוץ זיי וועלען געוויס זיין נאָך אַנדערע ליסטעס. ווען נישט ערב פּסח, וואָלט זיך דער וואַל-יאַריד שוין אָנגעהויבען. צוליב פּסח איז דער עולם פערנומען מיט אָנגרייטען מצות און אַנדערע הצטרכות'ען אויף יום טוב. פאַרדאָס וועט תּיכף נאָך יו"ט די וואַהל-אַטמאָספערע ווערען הייס און יעדער וועט נתגלה ווערען מיט זיין ליסטע.

# ס'אַלטע קינצעלע מיט אינטערוואָרפעז בייטעלעך

די איינוואוינערין פון שירלאַחיעץ, לאה זילבערמאַן, איז דינסטאָג וועגען האַנדעלס-ענינים געקומען קיין ראַדום מיטבריענגענדיג מיט זיך אַ גרעסערע סומע געלט.

אויף דער אָגראָדאָווע-גאַס האָט עפּיס אַ פּערשוין אונטערגע'וואָרפען איהר אַ פּאָרטפעל פאַר די פיס...

ווען די זילבערמאַן האָט זיך איינגע-בויגען, בכדי אויפצוהויבען דעם פּאָר-טפעל איז צו איהר צוגעקומען עפּיס אַ יונגערמאַן אין דערקלעהרט, אַז ער איז אַן עדות ווי זי הויבט אויף דעם פּאָר-טפעל, און ער לייגט איהר פאָר, זי זאָל זיך מיט איהם טיילן מיט'ן געפונענעם.

ביידע זענען זיי אַריין אין טויער אויף אָגראָדאָווע 10 און פּלוצים איז ווי פון אונטער דער ערד ארויסגעוואַקסען נאָך אַ פּערשוין, וועלכער האָט אַ דע-נערווירטער גע'טענה'ט, אַז ער האָט עקאָ-עט פערלוירען אַ פּאָרטפעל...

די זילבערמאַן האָט איהם דעם פּאָר-טפעל אָפּגעגעבען און יענער האָט אין איהם אריינגעקוקט און דערקלערט, אַז עס פעהלט איהם 200 זלאָטעס.

די זילבערמאַן האָט זיך אָנגעהויבען צו שווערען מיט אַלע שבועות, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגען, אָבער די צווייי פּאַרשיינען האָבען פון גאָרנישט געוואָלט וויסען, און זיי האָבען ביי איהר דורכגעפיהרט אַ פּערזענליכע רעוויזיע.

לסוף האָבען זיי איהר גענומען „פּשעפּ-ראַשאַם" און זענען בשלום אוועק.

עס זאָגט זיך אָבער אַזוי „בשלום", איינדעראַכטן איז די זאַך אדורך ווייט נישט בשלום. וואָרום, אַז די זילבערמאַן איז געקומען צו זיך נאָך דער מעשה האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס פעהלט איהר 800 זלאָטעס.

די פּרווי איז בחרפתינו הרבים אוועק מעלדען די זאַך אין דער פּאָליציי, און די צוויי „רעספעקטאַבלע" ווערען געזוכט.

## שפּענדונגען

ה' אַרנאָלד ראָזענפעלד האָט געשפּענ-דעט 5 זל. פאַר'ן בית יתומים ומושב-זקנים און 5 זל. פאַר דער גמ"ח-קאַסע. דאָס געלד איז דאָ איינצוקאַסירען אין רעדאַקציע געגען קוויטונג.

צו דער יוד. בעפעלקערונג

די גמינע אָננעמענדיג אַלע מיטלען עס זאָל פאַרב די פּסח-אַקציע צוי-שטאַנד קומען הן פאַר די זעלנער, הן פאַר די בית-אסורים והן צו טיילען מצות — איז בעשלאָסען ביים צוזאַמענגעכען מעות חטים, אויפ'ן אָרט פון די יעניגע בעלי בתים, וועלכע נעמען נישט קיין אָנטייל אין דער זאַמלונג — צו בענוצען זיך מיט'ן גמינע-פּערסאָנאַל. עס ווערט דאַדורך געבעטען די יודישע בעפעלקערונג צו בעציהען זיך אויף אַ געהעריגען אופן, מראָקטירענדיג זיי אַזוי גוט ווי די זאַמלער פון די בעלי-בתים, און אויפנעמען זיי בסבר פנים יפות.

ראדאם

די צייטוו. קהלה-פערוואַלטונג.

כשר לחג הפסח
אפילו למהדרין מן המהדרין

מצות
און
מצה-מעהל
גאראנטירט ריין
אהן צומישונג
פון עלעקטריש מע-כאניש - היגענישער
מצה-בעקעריי
בהכשר הרב הגאון ר' ישעי' זלאָטניק
בהרב הגאון המובהק מהר"ם שליט"א האב"ד גלאָוואָטשאָח.
צו 78 גר. א קילא
י. ערליכמאַן ראדאם ריגעק 8
ראדאם רינעק 8

Adres: RADOM RYNEK 8

דאנקזאגונג.

א הערצליכען דאַנק דריקען מיר אויס דעם אינדעפּענדענט ראדאָמער עיד סאָסייטי און דעם אינדעפּענדענט לעדיס סאָסייטי (ניו-יאָרק) פאַר די 50 דאָלאַר, וואָס מיר האָבען ערהאַלטען פון ה' משה ראַדאָמסקי, וועמען מיר דאַנקען בעזונדער פאַר זיין אינטערע-סירען זיך מיט אונזער אינסטיטוציע.
די פערוואַלטונג
פון „טאַז" אין ראַדאָם.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט מיין ג. קליענטעלע, אַז איך בין ארויסגע-טרעטען פון דער דרוקעריי „רעקאָרד" צו וועלכער איך האָב נישט קיין שום שייכות.

איך האָב געעפענט אויף זשעראָמסקי 9 אַ דרוקעריי איינגעאָרדענט מיט די נייעסטע, מאָדערנע שריפטען, וואָס וועלען הכבסט צופרידען שטעלען מיינע ג. קליענטען.

מיט אַכטונג דוד שיינבוים

מורה הוראה פּערקאַל וואהל 9.

כ'מאַך אויפמערקזאַם, אַז יעדען יוד וואָס מען וויל איבערצייגען מיט מיינס אַ הכשר, זאָל זיך הייסען ווייזען דעם טעקסט פון דעם הכשר.

POLECA:
„SZYBOSZLIF"
RADOM
Żeromskiego 20
Telefon 23-20
Lustra
Szkła szlifowane
Szyby

אלע גוטע און שפּאָרזאַמע באַלעבאָסטעס
נוצען נאָר דעם אויסגעצייכנעטען זייף
„DWIE PRACZKI"
פון דער בעסטע לאַנגיעהריגע פירמע
„OMEGA"
אין ווארשא
צו בעקומען אין אלע קאלאניאל-געשעפטען

# ראדאמער שטאדט-ראט ווענדעט זיך צום פרעמיער-מיניסטער
# וועגען רופען אַ ספעציעלע זיצונג פון סיים.

אויף דער דינסטאגדיגער זיצונג פון שטאדט-ראט האָט ראטמאַן ד"ר קעלערס קראוו אַריינגעטראָגן א דרינגענדען פאָרשלאַג פערזעהן מיט 17 אינטער-שריפטען, אַז ס'זאָל גערופען ווערען אַנ' אויסערגעוועהנליכע סיים-סעסיע. דאס זאָל געשעהן דערפאַר, וואָס די סיים-סעסיע איז געשלאָסען געוואָרען און עס איז ניט בעהאַנדעלט געוואָרען די אוסטאַווע וועגען פערבעסערען די קאָ-מונאַלע פינאַנסען (קרעדיטען פאַר שטעדט צו בעשעפטיגען אַרבייטסלאָזע) דעריבער זאָל דער ראדאָמער שטאָט - ראט זיך ווענדען צום פרעמיער-מיניסטער סקלאָד-קאָווסקי, וועגען רופען אַנ'אויסערגעוועהנליכע סיים-סעסיע אויף וועלכער דער אויבענדערמאַנטער ענין זאָל ווערן ערלעדיקט.

דער פאָרשלאָג ווערט ביי דער אַבּ-שטימונג אָנגענומען.

אין בעריכט וועגען אַרבייטסלאָזע גיבט אָן וויצע-פרעזידענט ראַדאָמסקי פאָלגענדע סטאַטיסטיק:

אין שטאָדט צוזאַמען מיט די פּעריפעריעס געפינען זיך ביז 4500 אַרבייטס-לאָזע. פון דעם וועט די שטאָט-פּערוואַל-טונג בעשעפטיגען 440, דער „חידוואַל דראָגאָווי" — 350; די פירמע פּריוואַטי 500; די באַהן-דירעקציע 350; צריקסאָהן 50; ביי בויען היַיזער און פאַבריקען 1500. אין בעסטען פאַל וועט נאָך בלייבען טויזענד אַרבייטסלאָזע פאַר וועלכע אויסצוגעפונען אַרבייט וועט זיין א שווערע זאַך.

ראטמאַן לאַפּקאָווסקי גיעט אָן א בע-ריכט וועגען די אויסבעסערונגען און ענדערונגען אין דעם שטאָדט - בודזשעט אויפ'ן יאהר 1938/39 אין וועלכען עס ווערט אָנגעגעבען א רייהע העכערונגען פון געהאַלטען פאַר שטאָדט-בעאַמטע צחישען זיי פינורירט אויך אַנ'הוספה אויף דער פענסיע פון גלח נעריטש פון שפיטאַל שיי. קאָזשימיעזשאַ אויף 420 זל. א יאָהר. ד"ה פון 1200, וואָס ער האָט ביז איצט בעקומען — אויף 1620 זל.

דריי פאָרשלאָגען פליסען איין פון לאַזיוניק טולינא. נעמליך: 1) פערגרע-סערען דעם פערסאָנאַל פון קאָנטראָל-אַנשטאַלט צו פאָרשען דאס עסענוואַרג פון איין אויף צוויי פערזאָהן 2) העכערען די סובסידיע פון 500 אויף טויזענד זל. פאַר אָוועַנד-קורסען פון עלטערע שילער 3) טיילען די סובסידיע פון 500 זל. אזוי, אַז דער פוילישער האָרצערשען — פעראיין זאָל בעקומען 400 זל. און דער „רויטער" הונדערט. ראטמאַן ראָגוסקי שטעלט א פאָרשלאַג צו העכערן די סומע 3000 אויף 6000 זל. אויף דינגען דירות פאַר הימלאָזע.

ביידע פאָרשלאָגען פאַלען דורך אין טולינא פרעגט אַריין א-וואָטום-סעפּעראַ-טום, צו וועלכען ראגוזקי סאָלידאַריזירט זיך. אַבגעבענדיג אַזא ערקלערונג אין נאָמען פון די ראטמענער פון חירס-כשאַסליכען בלאָק.

דער בודזשעט אויף דער סומע 3.185.100 זל. אויפ'ן יאָהר 1938/39 ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

אויף דער זעלבער זיצונג נעמט אָן דער שפּ. ראָט צו מאַכען צוויי הלוואות ביים „סונדוש-פּראַצי" אויף א סומע פון 137 טויזענד זל. אויף בוי-מאַטעריאַל און קאַנאַליזאַציע.

וועגען יודישע אַרבייטסלאָזע און וועגען סובסידיעס פאַר יודישע אינסטיטוצ-עס האָט מען נישט גערעדט. מעגליך, אז די יודישע ראַטמענער בעטראַכטען פאַר בעסער די פאָליטיק פון שווייגען, אז מלה בסלע, שתיקה בתרי.

א פ ס ר... אַר.

## 70 דאלאר פון וואשינגטאז

דער סעקרעטאַר-קאָרעספּאָנדענט פון היי-גען 15-ער קאמיטעט פוקס האָט ערהאַלטען א בריעף פון ראדאָמער אונטערשטיצונגס-פעראיין אין וואשינגטאָן, אז עס איז ארויסגעשיקט געוואָרען אויפן אדרעס פון פרעזעס משה רובינשטיין 70 דאָלאר פאַר פערשידענע היגע יודישע אינסטי-טוציעס.


Z intencji zaślubin kochanej siostry

*Rózi Kirszenbaum*

z p.

*Heńkiem Kurcem*

życzymy aby gwiazdy szczęścia

towarzyszyły im na nowej drodze życia

Abram i Blimcia Grosfeld

א הערצליכען מזל - טוב

אונזער ליבע מוטער און באָבע

צו דער חתונה פון איהר טאָכטער

רחל'ע קירשענבוים מיט ה' נחמיה קורץ

מיר ווינשען אייך אז איהר זאָלט דערלעבען

פיעל נחת פון יונגען פאָר און פון אלע קינדער

אברהמ'טשע און בלימעלע גראָספעלד

מיט זייערע קינדער חעלא און מאַניע

א הארציגען מזל-טוב אונזער פריינד

משה בעקערמאַן

צו דער חתונה מיט דער פריילין

אסתר פישער

העלא און גבריאל הייסמאַן

מזל-טוב דיר משה קערשבערג

צו דיין חתונה

גליק און צופרידענהייט זאָלן זיין

דיינע שטענדיגע לעבענס-בעגלייטער

ראדאָם — י. פרידמאַן

נייעס פאר ראדאם

סמליכיגע

מאשינאווע מצות

פון דער בעקעריי „היגיענא" פון א. קאַלינסקי

עמפפעלט מצות כשר לחג הפסח, אויך פערשידענע לעקעכער, טאָרטען, באַקאַליעס און פערשידענע טשאַסטעס כשר לחג הפסח.

די אלע אויסארבייטונגען בעקומט מען ביי

א. קאַלינסקי ראדאָם

לובלינער 11, חיטאַלדא 6 (גורקי)

טראַוגוטא 45 און נאָוואָגראָדזקא 8.

ווער עס האָט שוין געגעסען די פריערדיגע מצות וויסט שוין דעם געשמאַקהייט בעזונדערס, היגיעניש און לייכט פעראייען פון די אויסגעצייכענטע מצות.

מ צ ה - מ ע ה ל פ ו ן ב ע ס ט ע ן ק ו א ל י ט ע ט



וואָס טויג אייך זיין אין ספק!!

און ריזיקירען אייער געלד און געזונד קויפענדיג

אומבעקאַנטען וויין אדער גאָר פאַלסיפיקאַטען

ווען איהר קאָנט זיין פילשטענדיג זיכער

און האָבען דעם בעסטען וויין אין דער וועלט,

ק ו י פ ע נ ד י ג

„כ ר מ ל"





פון באראָן ראָטשילדס ווייַן-קעלערען

זיים פאַרזיכערט ביים קויפען

ניט אכטונג אויף די שוץ-מאַרקען

„CENTRO-ŚWIATŁO"

Uwaga Uwaga

Nowo otworzony sklep pod firmą

„Centro-Swiatło"

róg Witolda i Żeromskiego

został zaopatrzony w najnowsze modele żyrandoli, lampek stojących oraz w duży wybór żarówek i wszelkich przyborów instalacyjnych — po cenach b. tanich.

róg Witolda i Żeromskiego

ZAKŁAD OGRODNICZY

„FLORA"

Radom

Żeromskiego 42

poleca

kwiaty cięte i doniczkowe

po cenach najniższych.

Przesadzanie

kwiatów ziemnych i roślin

„מעטראפאל"

פאדערט איבעראל

נאר די בעסטע ליכט

# פערזאמלונג אין דער גמינע וועגען כשר פלייש.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אויפרו־דערונג, וואס איז געווען שבת אין בית־מדרש וועגען כשר־פלייש, איז עהער־נעכטען מיטוואך געווען דורך דער איניציאטיווע פון הרב קעס־טענבערג א פערזאמלונג פון די ריטועלע קצבים, בעלי־בתים און פארשטעהער פון אלע ארגאניזאציעס.

עס איז געקומען א גרעסערער עולם און הרב קעסטענבערג האט רעפערירט דריי פונקטען פון טאג־ארדנונג: כשרות, פרייז און ניקור חלק אחורים. נאכדעם איז ענטשטאנען א הייסע דיסקוסיע סכח כשרות און פרייז. אויף די טענות פון מאנכע רעדנער צו פערבילינערן דאס כשר'ע פלייש, האבען די קצבים אויפ־געוויזען מיט ציפערן און קאלקולאציעס, אז זיי רייסען נישט איבער און, אז די אלע קלאגען, אז די ריטועלע קצבים ווערען נתעשר. האבען קיין גרונד נישט און זעגען נישט מעהר ווי הוילע חשר־סיעס. אינטערעסאנט, אז איין קצב דער ה' י. ליבמאן, האט געמאכט א פאר־שלאג, אז קהל זאל איבערנעמען דעם קאנטינגענט פון כשר פלייש, קהל זאל קויפען און פערקויפען און בעשעפטיגען די קצבים אלס בלויזע העקערס.

נאך לאנגע דעבאטען, איז די פער־זאמלונג געקומען צום בעשלוס, אז ס'ווערט אויסגעוועהלט א קאמיסיע פון 5 בעלי־בתים און 3 קצבים, וועלכע בעשטעהען פ ו ; פאלגענדע ה"ה: משה חייל, עזריאל גראספעלד, אברהם בירענבוים, משה אלעזר בער־נער, מרדכי קליינמאן, רפאל מאנדעל־מאן; אברהם חייסבארד און שמואל האקמאן

די אויפגאבע פון דער קאמיסיע איז נאכצוקאנטראלירען און גענוי פעסטצו־שטעלען די קאלקולאציע פון דער פרייז. די קאמיסיע האט באלד אבגעהאלטען א זי־צונג און אין משך פון די נעכסטע טעג ברויך ווערען דער ענין ענדגילטיג ערלעדיגט.

גלייכצייטיג האט דער צאך פון כשר'ע קצבים בעשלאסען, אז אויב וועלכער קצב וועט וועלען טייערער ווי מען נעמט אצינד, זאל מען זיך ווענדען צום צאך, וועלכער וועט נעגען דעם ארויסטרעטען און יענעם שטרענג בעשטראפען.

– דאס – געשעפט פון גערדינען, קאפען, ראלעטען, סטרוועטען
איז איבערגעטראגען געווארען פון דער שפאציר גאס נומ. 23 אויף

# זשעראמסקעגא (לובלינער) 22

אין הויף, לינקע אפיצינע, ערשטער שטאק.
גלייכצייטיג ווערט בעקאנט געמאכט, אז ס'איז צוגעגרייט געווארען אויף
יום־טוב א שענער און פערשידענארטיגער אויסוואל
מיט די מאדערנסטע מוסטערען, בעסטע קוואליטעט פאר
ביליגע פרייזען.

וואו און ווי אזוי! צו געבען צו וואשן, פארבען, רייניגן פוטערס, לעדער, שיך, און וועש?
מאדערנ/ע מעכאניזירטע אנשטאלטען
פון דער כעמישער פארבעריי און פראלניע
פון פוטערס, לעדערס, שיך־ווארג
און וועש

# A. HEMPEL

אין ראדאם טעל. 19-70

צענטראלע אויף דער אלטער שטאדט 7
פיליע נומ. I זשעראמסקי נומ. 1
„ „ II „ „ 21
„ „ III „ „ 59
„ „ IV טראיגוטשא „ 11

ליטער פון דער טעכנישער אבטיילונג

*ALFRED HEMPEL*

פיהרט אויס פאכמעניש און סאליד:

דויערענדע פארבען פון דאמען און מענער־גארדעראבע, וואל, זיידן, פוטערס, לעדער, לעדערנע גארדעראבעס לאטשען, פעדערען, זאקען, לייהענט, פילס א. ד. גל.

די איינציגע אין קעלצער וואיעוו. פירמע, וואס פיהרט אויס כעמיש - טריקען דאס רייניגען פון דאמען און מענער - גארדעראב, פוטער, דיוואנעס ווי אויך דאס אויפפרישען פון מאנטלען און פאלטענס

## א ספעציעלע וועש־אבטיילונג:

צו וואשען העמדער, קאלנער, מאנזשעטען, פויערהאנ־גען א. ד. גל. ווערט אויסגעפיהרט אהן צומישונג פון קלארק, און אהן צומישונג, וועלכע זענען שעדליך פאר דער וועש. מיט א שענעם ווייסען גלאנץ.

פערזיכערט די ג. קליענטעלע אז:

1) עס ווערט אויסגעהיטען פאר שאדען, פערפיהרונג
2. עס דעפארמירט נישט דעם שנים פון אנצוג
3. פערהיט פון פערלירען די נאטירליכע פארבען
4. פערהיט פון איינלויפען מאטעריאל
5. פערהיט פון פערלירען דעם גלאנץ און די עלאסטישקייט
6. עס ווערט דערהאלטען דער פאסאן
7. פרישט - אויף די קאלירען
8. דערהאלט די אפעראטור
9. פערהיט די פעדים און די געוועבען פון מאטעריאל
10. שטעלט צופרידען די פערלאנגען פון היגעניע און גוטן געשמאק.

די נייע טעכניק און די 20 יעהריגע רוטין, פאכקענטעניס פון דער לייטונג בעפולמעכטיגט די פירמע צו פערזיכערען די ג. קליענטעל, אז די איהר אנ־פערטרויטע רעקאמענדירונגען, ווערען אויסגעפיהרט סאליד, פאכמעניש און צו דער צייט, צו דער בעסטער צופרידענהייט פון דער קליענטעלע.

דער ברייטער פאך־פערנעם, ווי אויך די ראציאנעלע ראארגאניזאציע גיבען די מעגליכקייט פון ביליגע, שנעלען און סקרופולעזע אויספיהרונג פון די עמפפעלונגען פון די קליענטעל.

מיר בעטען העפליך צו שענקען
פולשטענדיגען צוטרוי אונזער פירמע
פרייזען נידריגע! פרייזען נידריגע!

מיט אכטונג:
Nowoczesne Zmechanizowane Zakłady
Farbiarnia i pralnia chemiczna
Pralnia bielizny
A. HEMPEL

## פון פראפ. פאראיין פון האנדעלס־אנגעשטעלטע און פריוואט־בעאמטע
(קאמוניקאט).

דער קאנפליקט מיט דער פירמע בערקמאן זשעראמסקי 29 איז געווארען ליקווידירט דורך אונזער פעראיין. די פירמע איז אקעגענגעקומען אלע פאדע־רונגען, וואס דער פעראיין האט גע־שטעלט.

# ט ר ק ל ע ר ו נ ג

אין צוזאמענהאנג מיט'ן קאמוניקאט פון האנדעלס־אנגעשטעלטע־פעראיין אין „ראדאמער־קעלצער לעבען", אז איך האב געוואלט בעליידיגען אלע געסט. אגרופענדיג זיי ושידלאקעס, ערקלער איך, אז דער דאזיגער אויסדריק איז געווען אדרעסירט צו צוויי געסט די ה"ה אברהם פעפער און זעליג בעריש א קצב, וועלכע האבען מיך פראוואצירט און מיך פריהער בעליידיקט.

פרוי בערקמאן זשעראמסקי 29

Z intencji zaślubin
p. Heli Ajdelsówny
z p. Joskiem Goldbrochem
moc szczerych życzeń i zadowolenia
składają:
Bracia: Abram, Jonas Habeberg

Z intencji zaślubin naszej siostry
Heli zp. Joskiem Goldbrochem
życzymy dużo szczęścia
Bronka i Dorka Ajdelsówny.

Z intencji zaślubin
p.Heli Ajdelsówny z p. Joskiem Goldbrochem
życzymy nowożeńcom dużo szczęścia
a rodzicom pociechy.
Personel Gminy Wyz. Zyd

די געזעלשאפט „א ר ט" אין ראדאם (זשעראמסקי 27)

מאכט בעקאנט, אז אין מאנאט מ א י ה. י. וועלען געעפענט ווערען קורסען פון פאלגענדע פאכען:

## גארסעטען,
## וועש־נייעריי
## און קינדער־קאנפעקציע ביי שניידעריי

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע (זשעראמסקי 27) פון 10 פריה ביז 1 נ. מ.

עגזיסטירט 112 יאהר

FABRYKA SUKNA
# Karol Jankowski i Syn
BIELSKO

אייגענער פאבריק'ס - לאגער אין ראדאם
Zeromskiego 33 tel. 23-05

א ריזיגער אויסוואל פון מאדערנסטע
דאמען און העררן - סחורות
העכסטע קוואליטעט צו שטרענג פאבר. פרייזן

עגזיסטירט 112 יאהר

עגזיסטירט 112 יאהר
עגזיסטירט 112 יאהר




צערעס כשר לפסח

כשר, פסח׳דיג צום קאכן, באקן און בראטן

צערעס דער אידעאלער קאקאס-פעטס ווערט אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר׳ שמחה פרענקעל פון סקאווינא און קען עסנפעהלט ווערן אפילו למהדרין מן המהדרין. עכט בלויז אין אריגינאל פאקונג צו ½ ¼ ⅛ קג. אהן פאקונג קיינמאל נישט עכט.

KINO APOLLO

שבת 1 און 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1[45]

ביז זונטאג איינשליסליך

הערליכע מוזיקאלישע קאמעדיע פון דער פוילישער פראדוקציע לויטן אויסגעצייכנעטסטן פילם „די הצלם לאכט"

# דאס גליקליכע 13

אין די הויפט-ראלען:

שעלאנסקי, גראסובנא, ארחיד, סקאנעטשני, טעססאל, כנורקאחסקא א אנד.

שבת 1 און 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1/45

GRZECH MŁODOSCI

OD PONIEDZIAŁKU

נאר דריי טעג! א פערדאפעלטער פראגראם

# Gdy kwitną bzy

אין די הויפט ראל זשאנעטע מאקדאנאלד

# KSIĄŻE i ŻEBRAK

און דער הויפט ראלען ערראל פלין, און ברידער מאוש.

צוויליגע פרייזען

KINO APOLLO


## דאנקזאגונג

מיר דריקן אויס אונזער הערצליכען דאנק דעם „קעלצער ליידיס רעליעף קלוב" אין טאראנטא, פאר׳ן שפענדן לטובת אונזער אינסטיטוציע 25 דאלאר.

פערוואלטונג
„לינת-הצדק" אין קעלץ

## צי וועט קעלץ בעקומען א פאסט-געביידע?

זיינער צייט, האט זיך די הינע שטאדט-פערוואלטונג, געוואנדעט צו דער פאסט-דירעקציע קיין קראקא, וועגן אויפבויען א נייע צענטראלע פאסט-געביידע פאר קיעלץ, נעמענדיג אין אכט, אז קעלץ איז די הויפט-שטאדט פון די ארומיגע ווארעווו. און דער איצטיגער לאקאל איז צו ענג, און ענטשפרעכט נישט די בעדינגונגען. אויף דעם דאזיגען מעמאריאל איז געקומען אנ׳ענטפער צו רעאליזירען דעם פלאן, קען ערשט זיין א רייד, אין 1942, דאגעגען וועט ביז דער דאזיגער צייט אויפגעבויט ווערן 2 פאסט-אמטען, דערונטער איינער אויף די זקשוזקיעגאס, און דער צווייטער, אויף די פיאטר-קאווסקא גאס.







## כל דצריך ייתי ויקנה!

א עונג יו״ט, וועט זיך פערשאפען דער, וואס נוצט צום סדר בעסטעק מיט די פירמע:

Sz. Kaner | B. M. | na 10 lat

אויך א אויסוואהל פון קרישטאלען, קאנדעלאבראס, בעכער און צירונג. אלערליי ווינערס, קאנקורענץ פרייזען.

Szlama Kaner
Kielce, ul. Pierackiego 9


שרעקליכער שטורם - ווינט

פערגאנגענעם פרייטאג איז אויפ׳ן שכת פון די דערפער, גזרנא, און ביעלינע (קעלצער-געגענד) פארביי א שטורם-ווינד, וואס האט פערניכטעט פיעל סטאדאלעס.

נעכטען האט א לאסט-אויטא איבערגעפאהרען א קריסטליכען - די כנעהער אויף זשעראמסקא גאס. דער איבערגעפאהרענער האט בעוויזען זיך אליין אויפצוהויבען, אבער מ׳האט אים געמוזט אפפיהרען אין שפיטאל ארײן. ראדאם.


SKROMNIE i SOLIDNIE, BEZ KRZYKU i ALARMU,
DAJEMY NAPRAWDĘ NOŻYKI
W NAJWYŻSZYM GATUNKU.




prosimy żądać wszędzie i przekonać się o tej prawdzie!!!

Kino „Casino"
Bohater naszych czasów

Kino ADRIA

פריהמארגען - פילמען

שבת דעם 9 1 און 3 אז
זונטאג דעם 10 12 און 2 אז.

א היימליכע מוזיקאלישע קאמעדיע

„פעני"

אין די הויפט ראל
דעאננא דורבין

ביז זונטאג דעם 10 קוויעטשיען איינש.

Kino ADRIA

Polski film sensacyjny P. T.

# KOBIETY nad PRZEPASCIĄ

Film ten jest ostrzeżeniem dla tysięcy kobiet. W rol. gł. Maria Bogda, Nora Ney, Andrzejewska, Wiszniewska, Stępowski, Brodzisz, Sielanski, Samborski, Zabczynski i inn.

Nad program
Kolorowy dodatek i Tygodnik P. A. T.


אכטונג קעלץ! אין אלע רעדאקציע און אדמיניסטראציע - ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגן מיט אונזער מיטארבייטער ק. ביינוואל

שריפטליך קען מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer - Kielcer - Leben"
Kielce, ul. Warszawska 2.


| | | | |
|---|---|---|---|
| TARYFA OGŁ.: | Na 1-szej stronie | mm 1 szp. | 40 gr. |
| | w tekscie | mm 1 szp. | 60 gr. |
| | na ostatnie stron. | mm 1 szp. | 25 gr. |

1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.

אבאנאמענטס פרייז: פאר א חודש אין פוילען זלאט. אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק. אין אנדערע לענדער 30 סענט.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15-18 טעל. Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20